**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/18/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט ערשטע קלאס פון 'עמפייער סטעיט דינסט איינהייט' מיטגלידער**

***מער פון 500 סטודענטן אריבער SUNY קאמפוסן וועלן זיך באטייליגן אין באצאלטע געלעגנהייטן פאר ציבור'ישע ארבעט; פראגראם אנערקענט דורך AmeriCorps***

***דער פראגראם און SUNY'ס בירגערליכע און ציבור'ישע ארבעט אגענדע [אינפארמאציע בלאט](#) זענען פארעפנטליכט אויף די SUNY וועבזייטל***

***ליוטענאנט גאווערנער דעלגאַדאָ און SUNY טשענסעלאר קינג פייערן אנהויב פון דעם פראגראם ביי SUNY אָניאנטע, מיט ביז אזויפיל ווי 40 אנטיילנעמער אויסגעוועהלט פער קלאס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די ערשטע קלאס פון די 'עמפייער סטעיט דינסט איינהייט' (Empire State Service Corps) מיטגלידער, מיט 515 סטודענטן אויסגעוועהלט פון סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק (State University of New York, SUNY) קאמפוסן אריבער די סטעיט זיך צו באטייליגן אין געלעגנהייטן צו טוהן ציבור'ישע ארבעט. דורכאויס די ערשטע רונדע פון אפליקאציעס האבן כמעט 2,000 SUNY סטודענטן אריינגעגעבן אפליקאציעס פאר דעם פראגראם, וואס וועט באאויפטראגן די סטודענטן מיט אויפגאבן אין פעלדער מיט א גרויסע נויט פאר הילף, ווי צום ביישפיל פריוואטע לערער פאר קינדער פון קינדערגארטן ביז 12'טע קלאס; ארויסהעלפן מענטשן מיט דעם פעדעראלער סאַפּלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם ( Supplemental Nutrition Assistance Program) און פונדאמענטאלע באדערפענישן; גייסטישע געזונטהייט הילף פאר אנדערע סטודענטן; היטן אויף די ענווייראמענט; פארמיידונג פון האסע און דיסקרימינאציע; אומפארטייאישע בירגערליכע מיטארבעט; און הילף מיטן אויספילן די אומזיסטע אפליקאציע פאר פעדעראלע סטודענט הילף ( Free Application for Federal Student Aid).

"דאס ארבעטן אין די סטעיט רעגירונג אלס א יונגע מענטש איז געווען אן ערפארונג וואס האט געהאט א השפעה אויף מיר מיטן אויפטרייבן מיין אינטערעסע אין ציבור'ישע ארבעט און צו באדינען די מענטשן פון ניו יארק", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכן אויסברייטערן אונזערע איניציאטיוון צו אריינברענגען מער יונגע מענטשן צו פארמישט ווערן מיט די עמפייער דינסט איינהייט, האבן מיר געמאכט א פארפליכטונג פאר די צוקונפט פון זייער וואוילזיין און פאר די פארבעסערונג פון אונזער סטעיט בכלל. איך בין שטאלץ צו אויפנעמען די ערשטע קלאס פון די עמפייער סטעיט דינסט איינהייט, אריינרעכנענדיג 515 סטודענטן פון ניו יארק סטעיט'ס אייגענע SUNY סקולס. מיינע גראטולירנדע וואונטשן און א דאנק פאר אייער ציבור'ישע ארבעט."

די SUNY אָניאנטע גרופע, די גרעסטע קלאס פון די עמפייער סטעיט דינסט איינהייט מיט 48 אנטיילנעמנדע סטודענטן, האט זיך געטראפן מיט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניאָ דעלגאַדאָ און SUNY טשענסעלאר דזשאן ב. קינג דזשוניאר אזוי ווי דער פראגראם הויבט זיך אן דעם חודש. אויך האבן זיך

אנגעשלאסן NYS טשיעף סערוויס אפיסער מעט שעיפער, SUNY אָניאנטע פרעזידענט אלבערטא קארדעל, די אנטיילנעמנדע סטודענטן און קאמפוס קאארדינעיטארס.

"נאציאנאלע און קאמיוניטי דינסט האט די כוח צו פאראייניגן ניו יארקער, צו אדרעסירן דרוקנדע געזעלשאפטליכע אנגעלעגנהייטן און צו פארבעסערן די לעבנס פון די וועלכע באטייליגן זיך דערין", **האט ליוטענאנט גאווערנער דעלגאַדאָו געזאגט.** "היינט פייערן מיר די עפענונג פון די עמפּייער סטעיט דינסט איינהייט, וואס וועט אין די ערשטע יאר שאפן 500 נייע באדייטפולע, באצאלטע געלעגנהייטן פאר SUNY סטודענטן צו טוהן ציבור'ישע ארבעט, בשעת'ן אויך אדרעסירן קריטישע קאמיוניטי באדערפענישן. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס פירערשאפט ביים אוועקשטעלן די נייע אפיס פון סערוויס און בירגערליכע מיטארבעט (Office of Service and Civic Engagement), וואס וועט אויסברייטערן און באַרייכערן געלעגנהייטן פאר ציבור'ישע ארבעט אריבער ניו יארק סטעיט, צו מאכן די סערוויס מער צוגענגליך, אריינגעמיג און ברייט-פארשפרייט. די עמפּייער סטעיט דינסט איינהייט איז א וואונדערבארע ערשטע טריט אין ריכטונג פון אויסברייטערן געלעגנהייטן פאר ציבור'ישע ארבעט און שאפן א שטערקערע, מער פאראייניגטע און שטאנדהאפטיגע סטעיט."

עמפּייער סטעיט דינסט איינהייט פארבינדט אנטיילנעמנדע SUNY סטודענטן מיט געלעגנהייטן צו טוהן איינפלוסרייכע ציבור'ישע ארבעט פאר איבער 300 באצאלטע שעה'ן פון ציבור'ישע ארבעט אין לויף פון א יאר. די ניו יארק סטעיט דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 האט צוגעטיילט 2.75 מיליאן דאלאר פאר די עפענונג פון דעם פראגראם. ביז יעצט האבן מער פון 45 SUNY קאמפוסן זיך איינגעגעבן צו אריינגעבן עמפּייער סטעיט דינסט איינהייט מיטגלידער.

אין צוגאב איז די עמפּייער סטעיט דינסט איינהייט געשאנקען געווארן 2.5 מיליאן דאלאר זייענדיג אן AmeriCorps פראגראם פון די ניו יארק סטעיט קאמיסיע אויף נאציאנאלע און קאמיוניטי סערוויס ( New York State Commission on National and Community Service). די פעדעראלע געלטער וועלן שטיצן די אנפירונג פון ספעציפישע ציבור'ישע ארבעט פראיעקטן, און בארעכטיגטע סטודענטן וואס ענדיגן א צייט אפשניט מיט ארבעט אונטער AmeriCorps באקומען א Segal AmeriCorps Education Award באלוין וואס קען גענוצט ווערן צו צוריקצאלן פאר געוויסע קוואליפיצירנדע הלוואות און צו באצאלן פאר יעצטיגע בילדונג אויסגאבן ביי בארעכטיגטע העכערע בילדונג מוסדות און ביי טרענירונג פראגראמען.

**SUNY טשענסעלאר דזשאן קינג האט געזאגט,** "בירגערליכע און ציבור'ישע ארבעט איז א וועזנטליכע עלעמענט פון די מיסיע פון פובליק העכערע בילדונג און צו די ארבעט פון SUNY. SUNY איז שטאלץ מיט די סטודענטן וואס זענען אויסגעקליבן געווארן פאר די סאמע ערשטע עמפּייער סטעיט דינסט איינהייט וואס וועלן ענטפערן די רוף צו דינסט און פארבעסערן זייערע קאמיוניטיס. איך בין באזונדערס דאנקבאר פאר גאווערנער האקול, ליוטענאנט גאווערנער דעלגאַדאָו און די לעגיסלאטור'ס פירערשאפט פארן אויפשטעלן א ציבור'ישע ארבעט פראגראם וואס וועט סיי אויסברייטערן געלעגנהייטן פאר למעשה'דיגע ערפארונגען בשעת'ן אויך ערפילן די באדערפענישן פון ניו יארקער אריבער די סטעיט."

**SUNY אָניאנטע פרעזידענט, אלבערטא קארדעל, האט געזאגט,** "האבן א ווירקונג דורכן דינען אנדערע איז אין די הארץ פון אונזער מיסיע ביי SUNY אָניאנטע. מיר זענען דאנקבאר פאר די באצאלטע ציבור'ישע ארבעט געלעגנהייטן וואס זענען ערמעגליכט געווארן דורך די אונטערנעמונג אנגעפירט דורך די גאווערנער'ס אפיס און דורך SUNY. איך בין שטאלץ אז אונזערע סטודענטן האבן געענטפערט די רוף צו דינען אָניאנטע און די ארומיגע ראיאן אזוי ענטוזיאסטיש."

**סטעיט סענאטארשע טאָביען סטאווויסקי האט געזאגט,** "די עמפּייער סטעיט דינסט איינהייט שטעלט צו שאצבארע למעשה'דיגע ערפארונג פאר אונזערע SUNY סטודענטן בשעת'ן ארויסהעלפן מענטשן

וועלכע בענעפיטירן פון זייער ארבעט. דער פראגראם איז נאך א ביישפיל פון SUNY'ס ברייטע און רייכע אויסוואהל פון עדזשוקעישען געלעגנהייטן פאר אונזערע סטודענטן."

**אסעמבלי מיטגלידערין פעטרישע פעיהי האט געזאגט,** "דורך די עמפייער סטעיט דינסט איינהייט, טוהען ניו יארקע סטודענטן זיך באנעמען מיט באדייטפולע ציבור'ישע ארבעט געלעגנהייטן וואס פארבינדן זיי מיט זייערע קאמיוניטיס און שכנים. געלעגנהייטן פון די סארט צו לערנען דורך ערפארונג העלפן אויסברייטערן די כלים פון א סטודענט און זייער מעגליכקייט זיך צו קענען פארזיכערן ארבעט נאכן גראדואירן, בשעת'ן ארייננקריצן אין זיי אן איבערגעגעבנקייט צו דינען זייער קאמיוניטי און אנדערע דורך באדייטפולע ציבור'ישע ארבעט. איך בין שטאלץ געווען צו ארבעטן צוזאמען מיט טשענסעלאר קינג און גאווערנער האקול צו פינאנצירן די עמפייער סטעיט דינסט איינהייט אין די היי יאריגע ענדגילטיגע בודזשעט, און איך גיב מיינע גראטולירנדע וואונטשן פאר די ערשטע קלאס פאר אייער עררייכונג!"

**CEO פון AmeriCorps, מייקעל ד. סמיט, האט געזאגט,** "SUNY האט שעפערישערהייט ארייננגעבויט נאציאנאלע דינסט אין אירע אפעראציעס דורכן עפענען די 'FAFSA אויספילן איינהייט' (FAFSA Completion Corps) און דורכן אפפערן בענעפיטן פאר סטודענטן וואס גייען דורך AmeriCorps דורך די 'סקולס פון נאציאנאלע דינסט' (Schools of National Service) איניציאטיוו. די עמפייער סטעיט דינסט איינהייט איניציאטיוו זעצט פאר די ארבעט דורכן ערלויבן הונדערטע סטודענטן צו דינען זייערע קאמיוניטיס אלס AmeriCorps מיטגלידער, וואו זיי באקומען ווערטפולע פראפעסיאנאלע און פערזענליכע סקילס בשעת'ן פארדינען געלטער פאר זייער עדזשוקעישען. AmeriCorps קוקט ארויס זיך צו אפלערנען פון SUNY'ס באמיאונגען און האפט אז אנדערע העכערע בילדונג סיסטעמען וועלן נאכפאלגן אין זייערע פיס טריט."

**Campus Compact פרעזידענט, באַבי לאור, האט געזאגט,** "די עמפייער סטעיט דינסט איינהייט ווייזט ארויס די טראנספארמאטיווע פאטענציאל פון העכערע בילדונג אין בירגערליכע מיטארבעט. די הונדערטע SUNY סטודענטן וועלכע וועלן זיך באטייליגן אין דעם פראגראם וועלן זיך פארשאפן ווערטפולע סקילס און למעשה'דיגע פראקטישע ערפארונגען, און זיי וועלן איינגעקריצט ווערן מיט א לאנג-בלייבנדע פארפליכטונג צו בירגערליכע פארמישונג. אזוי ווי זיי מאכן א פאזיטיווע השפעה אויף די לעבנס פון ניו יארקער און זייערע קאמיוניטיס, טוט די ערפינדערישע איניציאטיוו אונז אלע אינספירירן צו אנטדעקן נייע און איינפלוסרייכע וועגן צו טוהן ציבור'ישע ארבעט."

**NYS קאמיסיע אויף נאציאנאלע און קאמיוניטי דינסט עקזעקיוטיוו דירעקטארין, לינדא קאָוהען, האט געזאגט,** "עס דערפרייידט די קאמיסיע צו ארייננגיין אין א שותפות מיט SUNY און מיט די אפיס פון סערוויס און בירגערליכע מיטארבעט אויף די אמביציעזע נייע AmeriCorps איניציאטיוו. א נעטווארק פון הונדערטע SUNY סטודענטן אריבער די סטעיט וועלן ברענגען סערוויסעס און שטיצע פאר ניו יארקער און פאר זייערע קאמיוניטיס אויף א פארנעם וואס וועט איבערשטייגן אונזערע פאריגע באמיאונגען. די עמפייער סטעיט דינסט איינהייט איז א פאסיגע נאכפאלגער נאך די טויזנטע ניו יארקער וועלכע האבן געדינט אין AmeriCorps אין די פארגאנגענע דרייסיג יאר און אן אינספירירנדע אנהויב פאר די קומענדיגע דרייסיג יאר און נאך ווייטער."

**Partners for Campus-Community Engagement (שותפים פאר קאמפוס-קאמיוניטי מיטארבעט) עקזעקיוטיוו דירעקטאר, דר. דעיוויד האַרקער, האט געזאגט,** "Partners for Campus-Community Engagement (PCCE) אפלאדירט די פארפליכטונג פון די SUNY סיסטעם און די ליוטענאנט גאווערנער'ס אפיס צו פארטיפן קאמיוניטי מיטארבעט פון א הויכע קוואליטעט אריבער אונזער סטעיט. דער דינסט איינהייט פראגראם אנערקענט די וויכטיגקייט פון שטיצן פינאנציעל סטודענטן וואס זענען פארמישט אין די ציבור'ישע ארבעט, פארזיכערנדיג גערעכטע צוטריט צו עדזשוקעישען געלעגנהייטן וואס האבן בענעפיט פארביידע זייטן. די איינהייט מיטגלידער וועלן האבן א געוואלדיגע

השפּעה אויף זייערע קאַמיוניטיס בשעת'ן אַנטוויקלען קריטישע סקילס און באַקומען ערפאַרונגען וואָס וועלן זיי פיל בענעפיטירן. דאָס איז נאָך אַ ריזיגע טריט פאַראויס אין די פאַרפליכטונג פון ניו יאָרק סטעיט און SUNY צו העכערע בילדונג פאַר די טובה פאַר די פובליקום."

**Multi-State Collaborative for College Civic Learning and Democracy Engagement (מולטי-סטעיט פאַראיין פאַר קאָלעדזש בירגערליכע לערנונג און דעמאָקראַטיע פאַרמישונג) סיניאָר אַדוויזאָר, קעראָל גירי שניידער, האָט צוגעלייגט,** "עדזשוקעישען האָט שטענדיג געהאַט אַ מיסיע פאַר די טובה פון די פובליקום, אָבער היינט טוט ניו יאָרק אויפלעבן די מיסיע אַריינצולייגן קאַמיוניטי מיטאַרבעט און ציבור'ישע אַרבעט אין צענטער דערפון. מיר, ביי די Multi-State Collaborative for College Civic Learning and Democracy Engagement זענען דערפרייט ביז גאָר צו זעהן אַז ניו יאָרק טוט דורכברעכן נייע דורכבּרוכן צו אַנגרייטן סטודענטן צו אַרבעטן צוזאַמען מיט אַנדערע צו פאַרבעסערן די קוואַליטעט פון לעבן פאַר אַלע."

**שרייבער פון *The Ten Habits of Good Citizens :The Bill of Obligations*, ריטשאַרד האַס, האָט געזאָגט,** "ציבור'ישע אַרבעט קען פלעגן קאַמיוניטי, אַנטוויקלען סקילס, אַדרעסירן עכטע באַדערפעניש און בויען בריקן צווישן בירגער און זייער רעגירונג. דאָס אַלעס איז צו זאָגן אַז איך בין דערפרייט צו זעהן מיין אייגענע ניו יאָרק סטעיט און די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יאָרק זיך צוזאַמקומענדיג צו אַוועקשטעלן די עמפּייער סטעיט דינסט איינהייט. ציבור'ישע אַרבעט פּראָגראַמען פון די סאָרט הייבן זיך העכער פּאָליטיק און פאַרדינען זיך ברייטע שטיצע."

די עמפּייער סטעיט דינסט איינהייט איז געעפנט געוואָרן אַלס טייל פון גאָווערנער האָקול און טשענסעלאָר קינג'ס פאַרפליכטונג צו פאַרמערן געלעגנהייטן פאַר ציבור'ישע אַרבעט פאַר סטודענטן אַריבער די סטעיט. אין צוגאָב צו די עמפּייער סטעיט דינסט איינהייט, איז די אוניווערסיטעט סיסטעם אַרויסגעקומען מיט נאָך פּראָגראַמען פאַר בירגערליכע עדזשוקעישען, ציווילע דיאַלאָג און אויפמערקזאַמקייט איבער בירגערליכע אַנגעלעגנהייטן אַריבער קאַמפּוסן. דעם פרילינג האָט טשענסעלאָר קינג אַנאָנסירט אַז 10 'פעלאָוס' פון די לערער וועלן ווערן די סאַמע ערשטע בירגערליכע עדזשוקעישען און מיטאַרבעט (Civic Education & Engagement) און ציווילע דיאַלאָג (Civil Discourse) פעלאָוס. די ציהל פון די פעלאָושיפּ איז צו שטופּן פאַר ציווילע דיאַלאָג צווישן סטודענטן, לערער און איינגעשטעלטע אַריבער SUNY קאַמפּוסן. מער אינפאָרמאַציע איבער דעם פּראָגראַם און איבער SUNY'ס אַרבעט צו אויסברייטערן געלעגנהייטן פאַר בירגערליכע מיטאַרבעט איז פאַרעפנטליכט [דאָ](#).

אין צוגאָב צו די סטעיט-פינאַנצירטע 500 עמפּייער סטעיט דינסט איינהייט מיטגלידער, טוט די פילאַנטראָפּישע Ibis Group שטיצן נאָך 15 איינהייט מיטגלידער צו דינען אין אומפּאַרטייאישע באַמיאונגען צו העלפן וויילער און בירגערליכע מיטאַרבעט ראַלעס.

**איבער די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יאָרק**
די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יאָרק, וועלכע פייערט זיין 75'טן יערטאָג דעם יאָר, איז די גרעסטע פולשטענדיגע סיסטעם פון העכערע בילדונג אין די פאַראייניגטע שטאַטן, און איבער 95 פּראָצענט פון אַלע ניו יאָרק'ערס וואוינען אינערהאַלב 30 מייל פון איינע פון די SUNY'ס 64 קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. אַריבער די סיסטעם האָט SUNY פיר אַקאַדעמישע העלט צענטערס, פינף שפּיטעלער, פיר מעדיקעל סקולס, צוויי דענטעל סקולס, אַ געזעץ שולע, די לאַנד'ס עלטסטע שיפעריי סקולס, די סטעיט'ס איינציגסטע קאָלעדזש פון אָפּטאָמעטריע, און זי פאַרוואַלטעט אויך אויף איין נאַציאָנאַלע לאַבאָרעטאָריע פון די פאַראייניגטע שטאַטן ענערגיע דעפּאַרטמענט. אין סך הכל, דינט SUNY בערך 1.4 מיליאָן סטודענטן וועלכע לערנען אין אַלע אירע קורסעס און פּראָגראַמען, מיט און אָן קאָלעדזש קרעדיטס, אַנגייענדע בילדונג און פּראָגראַמען צו אַרבעטן מיט די קאַמיוניטי. SUNY טוט אויך אויפזעהן אויף קרוב צו אַ פערטל פון אַקאַדעמישע פאָרשונג אין ניו יאָרק. פאָרשונג אויסגאַבן אַריבער די גאַנצע

סיסטעם זענען קרוב צו 1.1 ביליאן דאלאר אין די פיסקאלע יאר 2022, ארייננרעכענענדיג באדייטנדעביישטייערונגען פון סטודענטן און איינגעשטעלטע. עס זענען דא איבער דריי מיליאן געוועזענע SUNY סטודענטן ארום די וועלט, און איינס פון יעדע דריי ניו יארקער מיט א קאלעדזש דעגרי האט געלערנט אין SUNY. צו לערנען מער איבער וויאזוי SUNY באשאפט געלעגנהייטן, באזוכט www.suny.edu.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן